מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **וישלח - וישב** תשפ״ג ◆ עלון מס': **103**

## דברים שבלב

**אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות**

### ווי ווייטער - אלץ גרעסער איז די השפעה

זיצט זיך ר' יענקל ביים טיש און דערקוויקט זיך פון א געשמאקע מאלצייט. די פיש וואס ער עסט האט אלע טעמים אז ר' יענקל איז אויסערזיך פון באגייסטערונג, ער זוכט ווען ער קען לויבן דערפאר און ער הייבט אן צו רעדן צו די פיש.

״איך האב א מורא'דיגע הכרת הטוב פאר דיר ר' פיש, אדאנק דיר האב איך יעצט א געשמאקער טעם אין מיין מויל״.

אבער ר' יענקל ענדיגט נישט דארט. פון דער פיש גייט ער אריבער צו לויבן די איבריגע שותפים, ער לויבט אויס די זאלץ, די קארטאפל, ער באדאנקט זיך פאר יעדן איינעם מיט א באזונדערע ווארעמקייט פאר אים.

עס גייט אריבער א איד און ער הערט ווי דער איד רעדט צו די פיש און ער בלייבט שטיין ערשטוינט.

״וואס האסטו צו לויבן די פיש? ער האט גארנישט געטון. ער האט נישט אויסגעוועלט צו זיין אין דיין טעלער. מען האט אים אהער אריינגעלייגט. עס האט זיך געצויגן א לאנגער קייט פון פעולות ביז ווען ער האט אריינגעלאנדעט אין טעלער אריין״.

מיט מער חכמה פירט זיך ר' חיים. ער זיצט ביי א חתונה סעודה און געניסט פון א געשמאקער ווארעמער נארהאפטיגער טעלער זופ. ער באדאנקט דער סארוועור פאר די זופ, ער זאגט אים אז די זופ האט אלע טעמים. דער סארוועער מערקט אים אויף אז דער יישר כח קומט זיך נישט פאר אים, עס איז דער קעכער. ר' חיים פוילט זיך נישט, ער שפירט אז ער מוז אויסדרוקן זיין דאנקבארקייט, ער גייט אריין אין קאך און באדאנקט זיך פאר'ן קעכער, אבער דער קעכער זאגט אים אז דער סוד צו די גוטע זופ, ליגט אין די גרינצייג וואס ער האט אים אריינגעמישט אין איר.

״דער גרינצייג סוחר לייגט עס עקסטער אוועק פאר מיר״.

נו, אויב אזוי קומט זיך דער יישר כח פאר'ן גרינצייג סוחר, ר' חיים גייט צום גרינצייג סוחר אבער דער גרינצייג סוחר שיקט אים צום פארמער און דער פארמער זאגט אז עס האט גוט גערעגנט די יאר און פאר די רעגן קומט זיך שוין דער יישר כח פאר'ן באשעפער.

אין יעדער הנאה וואס מיר האבן אויף די וועלט איז א לאנגער קייט פון פעולות אבער ווי ווייטער די פעולות זענען פון דער אנהייב אלץ קלענער איז זיין כח צו קענען משפיע זיין אויף די זאך.

דער רבי אין חובת הלבבות גלייכט עס צו צום קעניג וואס באשטראפט זיינע קנעכט. דער באדינער וואס פירט אויס די שטראף בפועל, האט די קלענסטע ווארט צי מען זאל פארלייכטערן דער עונש צי נישט, ווי העכער ארויף, אלץ מער כח איז דא צו טוישן דער עונש, ביז מען קומט אן צו דער מלך אליין וואס אין זיינע הענט ליגט די כח צו קענען מבטל זיין די גאנצע זאך.

און אז מען לעבט מיט דער געדאנק האט מען אן אנדערע סארט לעבן. אסאך מאל ווען א מענטש האט עפעס א שוועריגקייט וועט מען דערקענען די נקודה. דער איד וואס איז ווייניג עוסק אין די מידה פון בטחון האט א לאנגע רייע פון מענטשן וועמען צו באשולדיגן.

ער וועט אנלייגן זיין דורכפאל אויף דער באס דרייווער וואס איז פארשלעפט, אויף די רעגירונג וואס פארנאכלעסיגן די שאסייען, יעדער איז שולדיג, נאר נישט ער.

דאגעגן דער בעל בטחון ווייסט דעם סוד. ער ווייסט אז די סיבות זענען נאר שלוחים, ווייל דער וואס האט דער כח צו טוישן זאכן איז נאר דער אחד יחיד ומיוחד. אז עס טרעפט אים עפעס א שוועריגקייט, הייבט ער גלייך אויף די אויגן למעלה, ער פארשטייט אז דאס איז א סיגנאל פאר אים, מען מיינט זיין טובה, ווייל אלעס קומט מלמעלה און די אלע שלוחים האבן נישט קיין ווארט אויף גארנישט.

ער פארשטייט אז די עגמת נפש וואס ער מאכט מיט איז פאר זיין טובה וועגן, אז השי״ת האט עס אים געשיקט ברוב רחמיו וחסדיו, ווייל עס איז באשערט צער און דאס איז די בעסטע וועג, וויאזוי ער זאל האבן די צער.

ער דערהערט אז דער וועג איז בעסער ווי מחלות אדער עניות און ער איז עס מקבל באהבה, ווייל דאס איז דער בעסטער זאך פאר זיינעטוועגן.

זאל השי״ת געבן אז מען זאל זוכה זיין צו שפירן די חסדים.

(ארויסגענומען פון שיעור 276-277 אין שער הביטחון)

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### די אהבה פון השי״ת צו זיינע קינדער - בלייבט אויף אייביג

פאר יארן לאנג האבן זיי געלעבט צוזאמען. דער קשר צווישן דער טאטע און דער זון איז געווען אייזן שטארק. עס האט קיינמאל נישט נאכגעלאזט. פארקערט, עס איז נאר געווארן שטערקער און שטערקער.

אויך ווען עס איז געקומען די צייט אז דער זון זאל גיין אונטער די חופה האבן זיי ווייטער אנגעהאלטן די נאנטע קשר און אויך ווען דער זון האט זיך אוועקגעצויגן וואוינען אין א צווייטער שטאט, און ער האט נישט געקענט טרעפן זיין טאטע טאג טעגליך, האט דער זון אנגעהאלטן די נאנטקייט. ווען עס האט זיך אים געמאכט א געלעגענהייט צו קומען באזוכן זיין פאטער איז ער אריבערגעקומען אויף א וויזיט. אזוי אויך, האט ער אנגעהאלטן די נאנטקייט דורכ'ן טעלעפאן, עס איז נישט אריבער א טאג און זיי זאלן נישט רעדן.

אבער קיין איין מענטש לעבט דאך נישט אייביג. ווען עס איז אנגעקומען די צייט אז דער טאטע זאל זיך שיידן פון דער עולם און אריבערגיין לעולם שכולו טוב, איז דער זון געווען זיכער, אז ער וועט נישט אויסהאלטן די בענקעניש, אבער דערווייל האט פאסירט די פארקערטע.

ווי לענגער עס איז געווארן אלץ קלענער איז געווארן די בענקעניש. דער בענקעדיגער זון האט זיך מיטאמאל געטראפן פארגעסן פון זיין טאטע און ווי חז״ל זאגן שוין איז דא א גזירה על המת שישתכח מן הלב.

אז מען איז זיך מתבונן ווי אזוי עס געשעט אזא זאך אז איינער וואס איז שוין נישט דא אויף די וועלט פארגעסט מען פון אים קען מען נאכברענגען א שיינער געדאנק וואס עס זאגט אויף דעם דער בעל ההפלאה זצוק״ל אין זיין ספר פנים יפות [פרשת וישב].

דער הפלאה ברענגט דארט אראפ די ווערטער פון משלי [כז] כמים הפנים כן לב האדם לאדם. אזוי ווי א מענטש שפיגלט זיך אפ אין וואסער, אזוי איז דער הארץ פון א מענטש צו זיין חבר.

און דא ליגט דער סוד, געבט דער בעל הפלאה צו פארשטיין. אזוי לאנג ווי דער טאטע האט געלעבט, האט ער ארויסגעשיקט ליבשאפט סיגנאלן צו זיין זון, דער זון האט באקומען די סיגנאלן, זיין הארץ איז געווארן אנגעווארעמט און ער האט צוריקגעשיקט אהבה צו זיין טאטע, די אהבה האט זיך געמערט און פארגרעסערט, אבער אין די רגע וואס דער טאטע איז שוין נישט דא פעלט דער אהבה, וואס זאל אנצינדן די אהבה.

עס איז ריכטיג אז דער טאטע איז מתפלל אויף זיין קינד פון הימל, אבער קיין אהבה איז שוין נישט דא מער.

און די זעלבע זאך איז אויך דא צווישן השי״ת און זיינע קינדער, געבט דער בעל הפלאה צו פארשטיין. די סיבה צו די אהבה וואס דערוועקט זיך ביי אונז איז די אהבה וואס השי״ת שיקט צו אונז כסדר. דער באשעפער איז דאך א מלך חי וקים און זיין אהבה איז אויך א שטענדיגע אהבה און וועגן דעם ווערן מיר דערוועקט אים ליב צו האבן מיט א געוואלדיגע אהבה.

מען זעט אז דוד המלך האט געבענקט צום באשעפער אויף א שטארקער פארנעם. ער האט געזאגט 'צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי' ווייל ער האט געשפירט די אהבה.

נישט אלעמאל זענען מיר זוכה צו שפירן די אהבה, אבער עס איז קיים.

פארוואס טאקע שפירן מיר עס נישט? ווייל עס איז דא שטערונגען.

שטעלט ענק פאר אז איר האט א גוטער חבר, מיט וועמען איר זענט באמת גוט, איר זעט נישט א וועג וויאזוי די אהבה קען זיך אפשטעלן, אבער איין טאג שפירט איר ווי דער הארץ פון אייער חבר איז נישט מיט אייך.

איר קענט נישט פארשטיין וואס האט פאסירט, אבער מיטאמאל ווערט איר געוואויר אז א בעל מחלוקה האט דא אריינגעשטופט זיין נאז. ער איז געגאנגען צו אייער פריינד און ביי אים אנגערעדט אויף אייך שלעכטס, ער האט געזאגט פאר דיין חבר אז די אהבה וואס ער האט צו אייך איז פאלש און יענער האט זיך געלאזט איבעררעדן און ער האט קאליע געמאכט די חבר'שאפט.

און די זעלבע זאך איז אויך בין אדם למקום. דער יצר הרע שטופט זיך אריין אינדערמיט און ער מאכט אונז קאליע. דער צדיק הרה״ק רבי שלמה קארלינער זי״ע האט געזאגט אז די עבודה פון דעם יצר הרע איז אז מיר זאלן פארגעסן אז מיר זענען בני מלכים, ער העצט אונז אן קעגן דעם מלך און דאס איז גורם אז מיר זאלן נישט שפירן די אהבה צו השי״ת.

אבער אז מען האט שכל לאזט מען זיך נישט פון אים! מען גלייבט אים נישט! מען בלייבט מיט'ן אמת אז השי״ת האט אונז ליב אין יעדן מצב און מען איז זוכה צו שפירן די אהבה און די נאנטקייט צו אונזער טאטע אין הימל.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

**שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:**

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 ● פון אמעריקע 151-86-130-140 ● פון ענגלאנד 0-330-3900-489 ● פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 ● פון ארגענטינע 3988-4031 ● פון אוקריינע 380-947-100-633

● פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

### וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## פארדינט א פופציגער מיט די נשמה

מיין טאכטער האט געדארפט אריבערגיין א קאמפלעצירטער ציין באהאנדלונג. אין אזאנע פעלער פעלט זיך אויס אז מען זאל מאכן א פראפעסיאנאלע סקען. אין די פשוטע ציין דאקטוירים קליניקס איז נישט דא צו טרעפן די סארט מאשינען, מען דארף גיין צו א ספעציעלער ארט וואס האט אזא צוגעפאסטע מאשין.

ביי דער ציין דאקטאר האט מען מיר געגעבן צוויי אויסוואלן. איינס איז געווען אין א שטילער ארט אבער דארט קאסט עס פופציג שקל טייערער אדער קען איך גיין צו א גרויסע שאפינג מאלל, וואו עס איז דא אסאך מענטשן, אבער עס איז ביליגער.

מיר האבן געטראכט צו גיין צו די ביליגערע אבער דאן האב זיך בארעכענט אז ניין! אין אזא גרויסע שאפינג צענטער איז דא אסאך מענטשן און מען קען זיך גאר אנשטויסן אין נישט קיין גוטע ראיות, ליבערשט זאל מען דערלייגן א פופציגער, אבער בלייבן ערליכער און אפגעהיטענער.

מיר זענען אנגעקומען צו די שטילע ארט. ביים באצאלן האבן מיר ארויסגענומען קעש. די סעקרעטאר זעענדיג אז מיר צאלן מיט קעש האט זי געזאגט אז דא איז דער סדר אז אויב מען צאלט מיט קעש איז עס 50 שקל ביליגער.

אונזער פארדינסט איז געווען דאפלט. מיר האבן סיי פארדינט געלט און סיי די נשמה איז געבליבן ריין.

## פון 'ושיננתם' איז געווארן 'ושנתתם'

איך האב א חברותא מיט וועמען איך לערן יעדע נאכט. מיר לערנען שוין א היבשער שטיק צייט און צווישן אנדערע לערנען מיר אויך מוצאי שבת.

עס איז געווען מוצאי שבת פרשת וירא ווען איך האב אנגעקלינגען מיין חברותא האלטנדיג נאכ'ן דף היומי און אים געפרעגט צי ער וויל קומען לערנען.

"איך בין מורא'דיג מיד", מיר וועלן לערנען מארגן.

עס האט מיר געבאדערט, אבער וואס זאל איך און, אז ער וויל נישט קומען איז נישט.

צומארגענס בין איך געוואויר געווארן וואס ער האט געטון ביינאכט. למעשה איז ער נישט געגאנגען שלאפן נאר ער איז א סופר סת"ם און ער האט זיך געזעצט שרייבן א מזוזה.

אין די צייט האט ער געענדיגט א גאנצע מזוזה און ווען ער האט עס געענדיגט שרייבן האט ער באמערקט אז ער האט געמאכט א טעות. אנשטאט ער זאל שרייבן 'ושננתם' האט ער געשריבן 'ושנתתם'.

די הלכה איז אין אזא פאל אז ווען עס איז דא א טעות דארף מען עס אויסמעקן און מען דארף אויך אויסמעקן ארום און ארום ווייל עס דארף זיין געשריבן לפי הסדר. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז א גרויסער טייל פון די צייט וואס ער האט אריינגעלייגט אין שרייבן די מזוזה איז געגאנגען אויף גארנישט, ווייל ער דארף פאררעכטען די טעות.

"צי זעסטו ווי שטארק השי"ת האט אונז ליב", האט דער סופר זיך אנגערופן און דערציילט אז ער האט משנה געווען פון זיין סדר זאגנדיג פאר זיין חברותא אז ער גייט שלאפן

## די טאכטער פון באראן ראטשילד

עס דערציילט הרה"ג ר' ישראל בורג שליט"א, ראש ישיבת תפארת אביגדור, אן אייניקל פון דער בארימטער צדיק רבי אביגדור מילער זצ"ל:

איין טאג באקום איך א טעלעפאן קאלל פון קרית ספר. א פרוי, אן אפשטאמיגער פון אמעריקע, קלינגט מיר אן און וויינט זיך אויס די הארץ פאר מיר.

וואס איז די מעשה? זי דערציילט אז איר מאן איז א גרויסער תלמיד חכם. פון צופרי ביז ביינאכט זיצט ער על התורה ועל העבודה און טראסקעט אין תורה און זי, וועלנדיג ער זאל קענען זיצן און לערנען מיט ישוב הדעת, האט גענומען די עול פון פרנסה אויף זיך. זיי לעבן זייער אויסגערעכענט אבער מיט א שטיק צייט צוריק זענען זיי אריינגעפאלן אין א חוב פון פופצן טויזנט דאלער און זי נישט וועלנדיג אז איר מאן זאל איבערלאזן די גמרא, האט זי גענומען אויף זיך נאך אן ארבעט, אז מען זאל קענען פון דעם דעקן די חוב.

ביי דעם שטאפל האט זי זיך מער נישט געקענט איינהאלטן. זי האט זיך צעוויינט דערציילנדיג אז די ארבעט וואס זי האט גענומען אויף זיך איז זייער א דערנידערטע ארבעט און זי טראגט עס נישט אריבער.

"איך קען מער נישט ממשיך זיין מיט דעם", האט זי זיך באקלאגט.

"אבער וואס זאל איך טון? איך מוז דאך באצאלן די חוב"!

זי האט דערציילט אז זיבן טויזנט דאלער פון די פופצן האט זי שוין אפגעצאלט, עס איז איר געבליבן א חוב פון אכט טויזנט דאלער.

"אפשר זאל איך פארקויפן מיין דירה"? האט זי געוואלט הערן אן עצה.

איך האב איר געענטפערט אז זי האט געטון א שרעקעדיגע עוולה.

"דו מיינסט אז דו טוסט א מצוה? דו טוסט אן עבירה".

זי האט נישט פארשטאנען וואס איך וויל פון איר, איך האב איר געגעבן צו פארשטיין.

"שטעל זיך פאר אז דו ביסט די טאכטער פון דער גרויסער באראן ראטשילד און דו ביסט אריינגעפאלן אין א חוב פון פופצן טויזנט דאלער. דו האסט עס נישט פון וואו צו באצאלן און אז דו זאלסט עס קענען באצאלן נעמסטו זיך אונטער א ביליגע ארבעט, וואס פאסט נישט פאר די טאכטער פון באראן ראטשילד. וואס טראכסטו וועט דער באראן טון? ער וואלט ארויסגענומען פון טאש די גאנצע געלט און דיר עס געגעבן".

און יעצט בין איך צוגעגאנגען מיט איר צום פינטל.

"דער באשעפער איז דיין טאטע! ער איז דער גרעסטער עושר פון דער וועלט. ביי אים איז אכט טויזנט דאלער גארנישט מיט נישט. בעט אים און ער וועט דיר עס גערן געבן".

"איז וואס זאל איך יעצט טון"? האט זי נישט פארשטאנען וואס איך וויל פון איר.

"איך וויל אז דו זאלסט אריינגיין אין א פארמאכטער צימער און זיך אוועקשטעלן און רעדן צו השי"ת. זאג אים אז דו בעטסט אים מחילה אז דו ביסט נישט געקומען ביז יעצט. דאנק אים אז דו האסט א מאן א תלמיד חכם און דו ווילסט זייער שטארק ער זאל ממשיך זיין צו לערנען און דו ביסט זיכער אז ער קען דיר געבן אכט טויזנט דאלער און בעט אים ער זאל דיר געבן. זאג אים אז דו גלייבסט אז ער איז א כל יכול! ער קען דיר דעקן דער חוב און נעם אראפ דער עול פון דיינע פלייצעס".

ביים ענדע האב איך נאר געבעטן אז זי זאל מיר צוריקקלינגען און דערציילן ווי אזוי דער זאך האט זיך אויסגעקאכט.

נאך צוויי וואכן איז דער לאנג דערווארטעטע טעלעפאן קאלל געקומען צוגיין. זי האט דערציילט ווי אזוי זי האט זיך געהאט איינגעגעבן אלץ אמעריקאנער בירגער פאפירן, צוריקצובאקומען א געוויסע סומע געלט אין ווערד פון 3000 דאלער.

ווען די רעגירונגס באאמטע האבן געעפענט איר קעיס האבן זיי געזען אז אייגענטליך קומט זיך איר אסאך מער געלט פון די פריערדיגע יארן.

די נייע סומע איז געווען פונקט $8000!

## געווינען אסאך צייט

איך בין ארויף אויף א שטאטישע באס זייענדיג אויפ'ן וועג אנצקומען צו א צווייטער באס, וועלכע איך האב געדארפט כאפן ביי יענע סטאנציע.

די צווייטע באס, וואס איך האב געדארפט כאפן, קומט נאר איינמאל אין צוויי שעה. זיצנדיג אזוי אויפ'ן באס איז ארויפגעקומען אויפ'ן באס א פרוי און האט זיך אוועקגעזעצט נעבן מיר. אויפ'ן ארט האב איך זיך דערמאנט וואס מען דערציילט נאך בשם דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל אז אמאל איז ער געפארן מיט א שטאטישע באס און א פרוי האט זיך אראפגעזעצט נעבן אים און ער האט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאץ און איז אראפ אין די נעקסטע סטאנציע, נישט ווי צו טון



פאר די פרוי.
איך האב געטון די זעלבע. איך בין אראפ ביי די קומענדיגע סטאנציע. ביים אראפגיין האב איך זיך געוואונדערט ווי אזוי איך וועל אנקומען צו דער ארט וואו איך וועל אנקומען. למעשה ווי נאר איך בין אראפ פון די באס האב איך באגעגענט א באס וואס פארט אויך אהין.
דער צווייטער באס, אויף וואס איך בין ארויף, מאכט די וועג אסאך שנעלער ווי די ערשטע און איך האב עס געכאפט אין די לעצטע מינוט. נאר זיצנדיג אויף די צווייטע באס, האב איך זיך געכאפט אז ווען איך פאר ווען מיט די ערשטע באס, וואלט איך געשפעטיגט און געדארפט זיצן אוןווארטן נאך 3 שעה, פאר דער צווייטער באס.
איך האב פארדינט פון אלע זייטן און א דאנק מיין שריט זיך געשפארט אסאך צייט.

## די לעצטע פיר מינוט

דא רעדט א יונגער יונגערמאן פון פתח תקוה:
ברוך השם אז ווען איך דערצייל דא מיין געשיכטע איז שוין אלעס מסודר, אבער ווען איך האב זיך ארויסגעלאזט אויף די לאנגע וועג, האט אלעס אויסגעזען מער שאקלדיג. און לאמיר אנהייבן פון אנהייב. מיט עטליכע חדשים צוריק האב איך זיך געטראפן א געשמאקע דירה פאר א צוגענגליכע פרייז, אין א צוגעפאסטער פלאץ.
איך האב נישט געהאט צו באצאלן די גאנצע געלט פון מיין טאש און איך בין געווען געצווינגען ארויסצונעמען א מארגעדזש פון באנק אבער אויך דא, האט זיך אלעס געפירט צום גוטן, איך האב געטראפן א גוטער מארגעדזש בראוקער און ער האט מיר פארגעשלאגן א גוטער דילל מיט נידריגע פראצענטן.
אלעס האט אנגעהויבן גיין אין שפאן אבער מיר האבן געהאט איין פראבלעם, דער פראבלעם איז געווען צייט. דער פארשלאג וואס מיר האבן באקומען פון דער באנק איז געקומען באגלייט מיט א דעדליין. דער פארשלאג איז געווען באגרעניצט אויף דריי וואכן. אויב איך וועל אניאגן צו ענדיגן אלעס וואס כ'דארף וועל איך קענען באקומען די מארגעדזש, אז נישט, וועל איך באקומען א נייע פארשלאג, אבער דער נייער פארשלאג וועט זיין באדייטנפול טייערער ווי די ערשטע פארשלאג.
דריי וואכן איז זייער ווייניג צייט, אבער עס איז נאך ווייניגער ווען מען רעדט פון די פארנומענעסטע דריי וואכן אין יאר, דער חודש פון תשרי. אין די דריי אנגעלייגטע וואכן האב איך געדארפט עספיען אנצויאגן אלעס און זיין גרייט.
איך האב אנגעהויבן א מלחמה קעגן די זייגער אבער אין א געוויסער שטאפל האב איך זיך געכאפט ביים קאפ. צו וואס דארף איך זיין אזוי פאר'דאגה'עט? לאמיר לאזן השי"ת פירן די זאך.
איך בין אהיימגעקומען און געזאגט פאר מיין בני בית אז איך האב געטראפן איינער וואס האט זייער גוטע קאנקעשענס אין אלע ביורא'ען. יענער איז אזוי געלונגען, אז ער וועט אפילו באצאלן די טייערע מארגעדזש, אויב מיר וועלן נישט מצליח זיין צו באקומען די ביליגע מארגעדזש.
זי האט גלייך פארשטאנען וואס כ'מיין און זי איז אויך געווארן איבערגענומען פון די רואיגקייט וואס האט מיר באנומען. די ערשטע זאך וואס איך האב פארדינט איז געווען אז נאך עטליכע נעכט וואס איך בין נישט געשלאפן גוט פון גרויס אנגעצויגענקייט, בין איך גוט געשלאפן די נאכט.
און פון דא און ווייטער האט זיך אנגעהויבן א לאנגער קייט פון אפענע השגחה פרטית און סייעתא דשמיא. איינס פון די זאכן וואס איך האב געדארפט קריטיש האבן איז געווען א געוויסער באשטעטיגונג פון א לאיער און יענעם צופרי' האט ער מיר אנגעקלינגען און געזאגט אז איך קען עס קומען נעמען פון אים, ווייל ער האט שוין גע'חתמ'ט דער דאקומענט.
צו די באשטימטע שעה בין איך געווען ביי אים אבער דער דאקומענט דארף נאך אנקומען אין באנק אבער עס מוז נאך אנקומען היינט. פון דער לאיער'ס אפיס ביז צו דער באנק איז א שטיקל מהלך און דער באנק מאכט צו איינס אזייגער. עס איז געווען אוממעגליך אנצוקומען אהין אזוי שנעל, אבער דאן האט מען מיר געמאלדן אז מען פארלענגערט מיר מיט א טאג.
איך האב געווינען א טאג, אבער מארגן מוז איך זיין אין באנק. איך האב געוואלט אנקומען, איך האב געוואלט ארויסדינגען א קאר, אבער פונקט זעה איך אז מיינע לייסענס איז אפגעלאפן. איך האב זאפארט באשטעלט א טעקסי. דער טעקסי איז אנגעקומען אבער אינמיטן וועג האט זיין קאר אויפגעהערט ארבעטן און איך בין ווייטער געבליבן שטעקן.
ביי יעדער דורכפאל האב איך זיך גע'חזר'ט אז השי"ת פירט דער וועלט.
ענדע בין איך אנגעקומען צו דער באנק פיר מינוט פאר מען האט געדארפט צו שפארן די טויערן. מיין מזל האט געשפילט, איך האב געטראפן דער באאמטער און איך האב באקומען א סטעמפל אז דער מארגעדזש איז באשטעטיגט, קעגן אלע שאנסען.
הודו להשם כי טוב!
אבער ווען איך האב צוריקגעקוקט, האב איך איינגעזען אז עס האט זיך עקסטער אזוי געפירט, כדי איך זאל געדענקען אז דער מענטש מאכט נישט גארנישט, אז אלעס פירט זיך פון אויבן און אויב מען וויל פון אויבן איז דא א מארגעדזש, אויך א מינוט בעפאר די לעצטע.

אבער פון הימל האט מען אים געוויזן אז דער 'ושננתם' איז געווען 'ושנתתם' מלשון שינה.
דער יונגערמאן האט זיך געפריידט אז מען האט אים געוויזן פון הימל ווי חשוב זיין תורה איז, אז מען דארף עס האבן.

## די תפלה וואס פועל'ט

ווען מיין חבר איז יענעם טאג געקומען צו גיין אין כולל האב איך געזען אז ער האט עפעס אויסטערליש צו דערציילן.
צי לאנג האט ער מיר נישט געלאזט ווארטן און אנגעהויבן צו דערציילן זיין געשיכטע.
"ווי איר ווייסט וואוין איך היבש ווייט אוועק פון כולל. טאג טעגליך נעם איך דער באס און כ'קום אין כולל".
"דער באס, ווי איר ווייסט", זאגט דער יונגערמאן "איז א באס וואס דינט אלע מיני מענטשן, און זוכנדיג א וועג ווי אזוי צו היטן די אויגן, איז מיר איינגעפאלן א געדאנק אז איך גיי זיך זעצן ביים בענקל אונטער די דרייווער. דארטן האב איך גארנישט פארנט פון מיר און עס קומט מיר אן גרינג צו קענען היטן די אויגן".
"היינט", שפינט דער יונגערמאן ווייטער די געשיכטע.
"קום איך ארויף אויפ'ן באס, איך זעץ זיך אוועק אויף מיין קביעות'דיגע פלאץ און דער דרייווער ווענדט זיך צו מיר מיט א שאלה".
"זאג נאר, דו, ווי אזוי גייט עס דיר יעדן טאג"?
"גייט וואס"? האב איך נישט געקענט פארשטיין.
און דער דרייווער האט מיר געגעבן צו פארשטיין וואס ער מיינט מיט זיין שאלה.
"איך בין שוין א באס דרייווער יארן לאנג און איך האב נאך אזאנס נישט געזען. טאג איין, טאג אויס, קומסטו ארויף אויף דער באס און דו טרעפסט זיך צו דיין פלאץ. מענטשן קומען, מענטשן גייען, אבער דיין פלאץ איז אלעמאל גרייט פאר דיר. דער באס קען זיין געשטאפט מיט מענטשן, אבער א סטאנציע פאר דו קומסט ארויף ווערט דער זיץ ליידיג. וואס מאכסטו דערפאר? עפעס א כישוף"?
איך בין געווען שאקירט. קיינמאל פריער האב איך נישט ארייגעטראכט אין דעם. ווי אזוי טאקע האב איך יעדן טאג דער פלאץ. נאר יעצט האב איך זיך געכאפט אז השי"ת סארטירט מיר דער פלאץ יעדן טאג, פאר מיינעטוועגן.
"איך וועל דיר זאגן דעם אמת", זאג איך פאר'ן דרייווער.
"איך בין מתפלל פאר דעם. יעדן טאג, איידער איך גיי ארויס פון שטוב, בין איך מתפלל צום רבוש"ע ער זאל מיר העלפן צו בלייבן אפגעהיטן, איך זאל מצליח זיין צו היטן מיינע אויגן און אז איך זאל טרעפן א גוטער פלאץ אין די באס".
"ממש אזוי"? האט דער דרייווער מיר נישט געקענט גלייבן.
"יא, איך רעד צו אים ווי א קינד צו זיין טאטע און כ'בעט זיך איין ביי אים".
דער דרייווער, א איד וואס איז ליידער נישט קיין שומר תורה, האט נישט געגלייבט וואס ער הערט, עס האט אים גענומען צייט צו פארדייען די נייעס.
"וואס ענק, די חרדים באוויזן. איך בין שוין געווען זיכער אז דאס איז א מיסטישער זאך, למעשה זאגסט מיר אז עס איז תפילות".
"יא, פשוט אזוי".
יעצט האבן מיר שוין פארשטאנען פארוואס ער איז געווען אזוי באגייסטערט און אזוי איבערגענומען קומענדיג אין כולל. ער איז געווען גערירט פון דער גרויסער אנטדעקונג אז השי"ת זארגט זיך פאר אים און סארטירט אים טאג טעגליך א פלאץ, ער זאל זיך קענען היטן די אויגן.

דו קוקסט ארויס אויף א ישועה! דו ווילסט זוכה זיין צו אמת'ע שמחת החיים, צו פרנסה טובה, צו שלום בית
בינד זיך אן צו די השגחה פרטית האטליניע און דאס וועט דיר צובינדן צו די מקור פון אלע כוחות אין די וועלט
לייגט נאר צו אן אויער. און ווער א חלק פון טויזנטער וואס האבן געמאכט
א טויש אין זייער לעבן! און לעבן היינט א בעסערע לעבן אדאנק דעם
פארבינד זיך מיט: 02.30.11.300
און זיי אויך זוכה צו לעבן א גוטער לעבן!
אמת'ע און ערשטהאנטיגע געשיכטעס
זיך אויפבויען אין חיזוק
שער הבטחון
א טאנקייט מיט'ן בורא עולם
עצות און הדרכה
בעניני אמונה
עניתה > שלה > שמחת החיים

# צוהערער פרעגן

### שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

מען דערציילט אז צוויי אידן זענען אמאל געקומען צו דער חזון איש זי"ע זיך דורכצורעדן איבער א שידוך. זיי האבן געהאט א טענה'ריי וועגן געלט. דער חזון איש האט זיי געזאגט אז זייער וויכוח איז נישט וועגן די געלט ווייל די געלט קומט סייווי, די שאלה איז נאר דורך וועמען עס זאל קומען צוגיין די שפע. די מעשה לערנט אונז אויס אז ווען עס קומט צו א שידוך דארף מען זיך נישט זארגן וועגן געלט. מען זעט דאך אבער יא אז אסאך שידוכים ווערן בטל וועגן געלט זאכן. די שאלה איז: צי מיר זענען שייך צו די דרגה אז ווען מען האלט ביים טון א שידוך זאל מען נישט קוקן וועגן געלט? ווי אזוי קענען מיר זיין שייך צו די דרגה, אז מיר זאלן שפירן אז מען זאל עס אנקוקן מיט אזא בליק איז די וויכוח איז דורך וועמען עס זאל קומען די שפע?

שאלה נומער 54 — ק.ש.י. רכסים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## סיי בטחון און סיי מידות טובות

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב מני דרחי פון רמת גן:** אז מען זאל אנקומען צו די מדריגה וואס ווערט דערציילט אין די שאלה וואס דו שטעלסט פאר, פאדערט זיך אסאך הארוואניע. מען דארף זיך משלים זיין און די השלמה דארף בעיקר זיין אין צוויי זאכן וואס זענען געבינדן איינער אין דעם אנדערן. איינס איז אמונה ובטחון און די צווייטע איז עבודת המידות. די אמונה און בטחון דארף מען האבן זיכערצומאכן אז די שפע קומט אן, די עבודת המידות, אז מען זאל זיין גרייט אוועקצוגעבן פון זיך. אז מען ארבעט מיט התמדה און מען גייט ארויף א דרגה נאך א דרגה, קען מען אנקומען צו דעם.

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** דער כלל אין די מידה פון בטחון איז אייביג אז ווען עס איז דא א שאלה איז עס נישט קיין שאלה. א איד וואס איז אויסגעארבעט אין די מידה פון בטחון ווייסט אליינס וואס ער האט צו טון. אז עס הייבט זיך אן מיט שאלות איז א סימן אז עס פעלט נאך אין די מידה פון בטחון און ווען עס פעלט אין די מידה פון בטחון דארף מען זיך פירן על פי דרך הטבע. אויך ביי אונזער נושא איז די זאך ריכטיג, אז אמאל איז עס נוגע, אמאל נישט. אבער די מעשה וואס דו האסט געברענגט איז אייביג נוגע. עס איז נוגע סיי ביי עשה טוב, ווען מען נעמט זיך אונטער מער ווי מען קען אבער אויך כלפי סור מרע איז עס נוגע. אז מען זאל נישט זיין קליינקעפיג, אז מען זאל מדקדק זיין אויף יעדע קלייניגקייט, נאר מען זאל זיך צוגעוואוינען צו קענען מוותר זיין און וויסן אז פון מוותר זיין דערלייגט מען נישט.

## בטחון מיט השתדלות

**הרב זאב אריה שטיגליץ פון בני ברק, הרב יחיאל הכהן יודאוועצקי פון מודיעין עילית:** מיר האבן א כלל אז מיר לערנען זיך נישט קיין הלכה למעשה פון א מעשה. בפרט ווען מען רעדט פון די דערמאנטע מעשה וואס איר האט אראפגעברענגט. דארטן ווייסן מיר נישט אלע פרטים פון די מעשה, אז מיר זאלן קענען זיין קלאר און ארויסנעמען עפעס פון די מעשה. פראקטיש גערעדט איז די דערמאנטע שאלה אזוי ווי אלע אנדערע שאלות אין בטחון. עס ליגט אויף יעדן איינעם אז ער זאל זיך בוחן זיין וואו ער האלט אין די מידה פון בטחון, בפרט אז מען רעדט מער ווי ער האט נארמאל. עס איז שוין געווען אסאך פעלער פון מענטשן וואס עס האט נישט געארבעט ביי זיי, ווייל מען דארף זיין קלאר מיט זיך, וואו מען האלט דערביי.

**הרב שמואל צבי איידלבערג פון רכסים:** מיר דארפן געדענקען אז די דערמאנטע מעשה פון דעם חזון איש פטר'ט אונז נישט פון עוסק זיין אין השתדלות. מערערע מאל ווערט אראפגעברענגט דער יסוד אז דער חזון איש האט דירעקט אנגעזאגט אז מען זאל עוסק זיין אין השתדלות, אויך ווען עס האט זיך גערעדט פון חתונה מאכן די קינדער.

## בטחון מיט אמונה

**הרב מרדכי דוד נאווראצקי פון בית שמש, הרב מרדכי גרינוואלד פון בית שמש:** מיר טרעפן אז חז"ל [מועד קטן יח,ב] זאגן אונז אז מהשם אשה לאיש. די מפרשים שטעלן זיך שוין אויף דעם אז לכאורה איז אלעס פון השי"ת פארוואס שטייט עס דא עקסטער ארויסגעשריבן? די תשובה איז ווייל אויב ביי אנדערע פלעצער קען מען נאך תולה זיין בדרך הטבע, זעט מען ביי שידוכים עקסטער דער יד השם. אויך געלטוויִיז זעט מען אפענער דער יד השם ווי ביי אנדערע זאכן. מען זעט ווי אזוי השי"ת איז מזמין פאר ביטערע ארעמעלייט געלט חתונה צו מאכן זייערע קינדער. אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין דעם אויף א שטארקער פארנעם וועט מען בעזר השם קענען אנקומען צו די אנערקענונג און לעבן מיט דעם, אז מען זאל קענען זיין א צינור המשפיע.

## שאלה פאר גליון 105

יעדער פון אונז ווייסט אז מען איז מחוייב מתפלל צו זיין אויף פרנסה. מיר ווייסן אויך אז פון הימל וויל מען אז מען זאל ארבעטן אויף די פרנסהף אבער אינדערצייט וואס די תפילה אויף פרנסה זעט אויס א זייטיגער זאך לייגט מען אריין שעות לאנג אין די ארבעט צו ברענגען פרנסה. וויאזוי קען מען זיך צוברענגען אז די תפילה אויף פרנסה זאל זיין אזוי חשוב, אז דער מענטש זאל זיין גרייט אריינצולייגן גרויסע כוחות אין תפילה, כאטש אזויפיל וויפיל ער לייגט אריין אין די ארבעט?

י.ש. מודיעין עילית

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת מקץ. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## די שליסלען צו שפע רב - רואיגקייט און שמחה

איינס פון די יסודות ווי אזוי א איד קען ווערן דבוק אין השי"ת איז דורכ'ן פירן זיין פרנסה על פי תורה. אז דער בליק פון א איד אויף געלט זאכן איז תורה'דיג, אז ער לעבט מיט אמונה און בטחון, איז זיין לעבן העכער און בעסער, ער ווערט מער דבוק אין השי"ת.

ביי אונז אין שול, אז עס קומט אונטער פאר א איד א גרעסערע הוצאה ווי נארמאל, זאגט מען אים, ער זאל דאוונען מער, ער זאל זיך מער איינבעטן און ער וועט זען ישועות.

עס איז דא אידן וואס זאגן אז זיי דאוונען אבער זייער תפילה ווערט נישט געענטפערט.

פאר די אידן פעלט א גרויסער יסוד. דער יסוד באהאלט זיך אין די ווערטער 'בחרבי ובקשתי' און ווי דער תרגום טייטשט עס אפ 'בצלותי ובבעותי'.

וואס איז דער קשר צווישן א חרב און א קשת מיט תפילה? מען זאגט נאך פון דעם קאצקער אז די שייכות ליגט אין די הכנה. א גוטער צילער גרייט זיך אן פריער. ווי לענגער און בעסער ער איז טרענירט אלץ א בעסערער קעמפער וועט ער זיין און די זעלבע איז מיט'ן דאוונען.

אז א איד גרייט זיך צום דאוונען, אז ער מאכט א ריכטיגע הכנה גייט זיין דאוונען געשמירט און עס ווערט געענטפערט.

פון די גרעסטע שטערער אז מען זאל קענען דאוונען ווי א מענטש איז אז מען איז נישט רואיג מיט זיך. דער היינטיגער מענטש האט ווייניג ישוב הדעת. אז מען איז טרוד דאווענט זיך נישט, אבער אז מען איז רואיג, אז מען לעבט מיט אמונה און מען האט מנוחה, קען זיך גוט דאוונען.

און אז מען לעבט רואיג און מען האט ישוב הדעת איז מען זוכה צו האבן שפע רב. מען זעט אז יוסף הצדיק האט געזאגט פאר די ברודער 'עתה אל תעצבו' ווייל 'כי למחיה שלחני אלקים' און די עצבות נעמט אוועק די שפע.

די סופי תיבות פון 'והית אך שמח' איז דער שם פון פרנסה 'חת"ך'. עס איז די זעלבע סופי תיבות ווי 'פותח את ידך', ווייל דורך שמחה איז מען מעורר די שפע, מען איז ממשיך די שפע אויף די וועלט, ווייל רואיגקייט ברענגט צו דביקות בהשם און דביקות ברענגט צו שמחה און שמחה איז דער שליסל צו שפע רב.

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

איך האב קיינמאל נישט געוואוסט אז איך בין ארומגענומען מיט אזויפיל חסדים פון השי"ת, ביז ווען איך האב אנטדעקט דער וואונדערליכע האטליניע פון 'השגחה פרטית'. מיטאמאל ווער איך געוואויר אז יעדע רגע לעב איך מיט מער און מער חסדים גלוים. א הארציגן דאנק פאר אייך, אז איר האט געעפנט מיינע אויגן און אויפגעקלערט די נקודה.

**מצד די געבער**

ביי מיין קינד האבן מיר פלוצלונג דערקענט אז עפעס איז מאדנע מיט זיין רוקן. ווען מיר האבן זיך געוואנדן צו די דאקטוירים האבן זיי אונז געזאגט אז עס זעט אויס זייער פארדעכטיגט און אונז אריבערגעשיקט צו א גרעסערע דאקטאר. דער גרעסער דאקטאר האט מיר געשיקט אז מ'זאל מאכן א ספעציעלע אונטערזוכונג. מיר זענען געווען שרעקעדיג אנגעצויגן אבער אין די אנגעצויגענקייט האבן מיר זיך געשטארקט אין אמונה און אויך צוגעזאגט געלט צו געבן אז מען זאל קענען פארטיילן די גליונות "השגחה פרטית" אין די שולן. ביים ענדע האט זיך ארויסגעשטעלט אז אלעס איז אין ארדענונג, איך שיק ענק דא אריין מיין תרומה.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער איסהערן קריאת התורה